און דער אויפטו פון „שני־אור״ (אין איין ווארט) איז, אז ביים אלטן רבי׳ן איז געווען דער שלימות׳דיקער חיבור פון נגלה און נסתר ביז זיי זיינען געווארן לאחדים ממש.

וואס דער כח אויף דעם איז געקומען דערפאר וואס ער האט ממשיך און מגלה געווען דעם עצם מהות התורה, יחידה שבתורה, וואס איז העכער פון אלע גדרים פון העלם וגילוי, און דערפאר האט זי בכח צו מחבר זיין דיביידע אורות פון נגלה ונסתר דתורה[45].

און דאס האט ער ממשיך געווען „לזמן״, וואס איז פארבונדן מיט „עולם״[46] אויך — ל׳ העלם[47], ד.ה. אויך אין דער נידעריקער וועלט זאל לייכטן „שני־אור״ — דער חיבור פון ביידע אורות[48] — און דעמאלט דוקא קומט דער גילוי פון בחי׳ יחידה שבתורה (ווי גערעדט פריער, אז דער גילוי בחי׳ יחידה איז דוקא במדריגה הכי תחתונה, אין אן ארט וואס איז ניט קיין כלי צו „גילויים״[49]).

ט. ווי גערעדט פיל מאל[50], איז דער תכלית הכוונה, אז אויך די ענינים שלמעלה מהשתלשלות און פון כחות האדם, זאלן קומען בגלוי און אין א פנימיות אויך אין כחות פון מענטשן, ניט נאר אין א העלם׳דיקן אופן ווי אין זמן הגלות.

ווארום כאטש ס׳איז דא א מעלה אין דער עבודה אין זמן הגלות, וואס דעמאלט ווערט נתעורר און נתגלה בחי׳ יחידה שבנפש (כנ״ל), איז דאך אבער דער תכלית פון גלות — די גאולה וואס קומט נאכדעם[51] (און דורכדעם[52]); ד.ה. אז דער גילוי בחי׳ יחידה פון זמן הגלות זאל מאיר זיין אויך אין די כחות פנימיים פון מענטשן, אז אויך זיי זאלן זיין דורכגעדרונגען פון עצם הנפש.

וי״ל בדרך אפשר, אז דאס איז דער אויפטו פון בעל ההילולא אין תורת חסידות חב״ד, אז עצם פנימיות התורה, וואס איז העכער פון השתל׳ און טעם ודעת און וואס קען לכאורה גענומען ווערן בלויז בקבלה ואמונה, זאל אויך

45) ראה לקוטי לוי״צ שם (ע׳ רכג) ד„גילוי אור החסידות הוא בחי׳ יותר גבוה מקבלה (נסתר)* ונגלה שלכן בכחה לחבר ב׳ הבחי׳ גם יחד שהנסתר והרז גופא יהי׳ מושג בנגלה״. וראה קונטרס הנ״ל הערה 40.

46) ראה שער היחוד והאמונה פ״ז (פב, א).

47) לקו״ת שלח לז, ד. ובכ״מ.

48) ראה לקוטי לוי״צ שם.

*) בלקוטי לוי״צ שם (ע׳ רכד), שגילוי חסידות גבוה יותר „מגילוי פנימיות התורה, בחי׳ טעמי תורה, ישקני מנשיקות פיהו שיתגלו ע״י מ״צ בב״א״ — וכוונתו בזה ובהקדם

פשוט שתורתו של משיח תהי׳: נגלה, קבלה (נסתר), וחסידות

וכמו שמצינו ברשב״י: נגלה (ולהעיר משבת לג, סע״ב. אגה״ק סכ״ו (קמג, א)), נסתר (זהר ותיקונים כו׳) ואיחוד שניהם (ראה והחרים תרל״א ע׳ נב ואילך ולהעיר שגם ברשב״י — ענין המערה הי׳ ע״י הסתר א׳ מישראל — שבת שם. וראה לקלוי״צ שם) ליחידי סגולה ובהצנע לכת (אגה״ק שם קמב, ב)

— **וכולם** (גם נגלה וחסידות) באופן נעלה מאשר עתה (שה״ז לימוד ע״ד ראי׳ — עיין ש׳ האמונה פ״ס). וראה לקמן ע׳ 199 הערה 56 ובשוה״ג לשם.

49) כי אף שהכח לחבר נסתר ונגלה הוא מצד עצם התורה כנ״ל — מ״מ, אמיתית גילוי וביטוי דיחידה (עצם פנימיות התורה) הוא כשנמשכת בבחי׳ תחתונה ביותר, כנ״ל הערה 39.

50) ראה לקו״ש ח״ט ע׳ 75 ובהנסמן שם. ובכ״מ.

51) ולהעיר מהמסופר במכ׳ אדהאמ״צ (דלעיל הערה 2) ד„בי״ט כסלו שמענו שהי׳ מפלה גדולה להשונא כו׳״.

52) להעיר מב׳ הפי׳ בגולה על ראשה — גלות, גאולה (ראה ויק״ר ספל״ב. לקו״ת בהעלותך לה, א־ג. אוה״ת לשם ע׳ תכג ואילך).

און בנוגע צו די קושיא פון ירושלמי (וואס דארטן איז דער סדר אנדערש) - איז דער ר"ח (עירובין שם) - וואס איז שוין געדרוקט על גליון הש"ס - ברענגט אראפ דעם ירושלמי, אבער מיט אן אנדער גירסא: "רב תני מעברין מלשון אשה עוברה, שמואל תני מאברין מוסיפין לה אבר", איז לויט גירסת ר"ח אין ירושלמי איז ניט שווער, ווארום אין בבלי איז דער סדר אויך אזוי, חד תני מעברין (שיטת רב), וחד תני מאברין (שיטה שמואל) - רב קודם לשמואל.

און בנוגע צו רש"י, איז אדער רש"י האט געהאט די זעלבע גירסא אין ירושלמי אזוי ווי ר"ח, וואס דעמאלט איז ניט שווער פון ירושלמי, אדער רש"י האלט אז מ׳קען זאגן שיטה רב פאר שיטה שמואל, און מ׳קען אויך זאגן שיטת שמואל פאר רב. אבער אין אונזער פ׳ לערנט רש"י אז מ׳זאגט שיטת רב פאר שיטת שמואל (אז רב זאגט חדש ממש, און שמואל זאגט שנהחדשו גזירותיו), וכפי שיתבאר לקמן.

בנוגע צו די הערוה אין זוהר, איז אזוי ווי ס׳איז דאך ערב כ"ד טבת, איז דאך דא דער בריוו (לקולוי"צ אגרות ע׳ רכט ואילך) וואס ער איז מבאר פארוואס די הסתלקות פון אלטן רבי׳ן איז געווען במוצש"ק, און בכ"ד טבת, און בשנת תקע"ג. און ער איז דארטן אויך מבאר בנוגע צו דעם נאמען פון דעם אלטן רבי׳ן.

וואס דאס איז מיוסד אויף דעם בריוו פון י"ט כסלו (שם ע׳ ריח ואילך) וואס דארטן שרייבט ער אז "גילוי אור החסידות הוא בחי׳ יוהר גבוה מקבלה ונגלה, שלכן בכחה לחבר ב׳ הבחי׳ גם יחד, שהנסתר והרז גופא יהי׳ מושג בנגלה", ד.ה. וויבאלד אז חסידות איז מחבר ב׳ ענינים הפכים - נגלה ונסתר, און ס׳איז דאך ידוע דער כלל פון חוקרי ישראל אז יעדער זאך וואס איז מחבר ב׳ הפכים דארף זיין העכער פון ביידע, וואס דערפאר קען ער זיי מחבר זיין, דארף מען זאגן אז אור החסידות איז העכער פון נגלה און קבלה, וואס דערפאר קען ער זיי מחבר זיין.

און ער איז דארטן מבאר, אז ע"ד ווי פאר מ"ת פון נגלה דתורה, האט געדארפט זיין אלס הקדמה לזה דער ענין פון קי"ם, ועד"ז פאר דעם גילוי פון נסתר דהורה דורך משיח צדקנו, וועט זיין פריער קריעת הנהר לז׳ נחלים, איז עד"ז פארשטאנדיק אויך בנוגע צו דעם גילוי פון אור החסידות וואס דאס איז דאך די בחי׳ היותר גבוה - די התחברות פון ב׳ הבחי׳ יחד - האט געדארפט זיין פאר דערויף דער ענין פון י"ט כסלו, וואס דאס איז כולל די י"ב גזרים פון קי"ם און די ז׳ נחלים פון לע"ל, ווארום י"ב מיט ז׳ צוזאמען, איז דאס י"ט.

איז אין דעם ניט פארשטאנדיק: וויבאלד אז דער סדר איז דאך אז מ׳גייט מן הקל אל הכבד, איז וויבאלד אז גילוי החסידות איז דער ענין הכי נעלה, האט דאך דער ענין פון י"ט כסלו געדארפט זיין נאך דעם ענין פון די ז׳ נחלים, אדער אז פאר דעם ענין פון י"ט כסלו זאל אויך זיין דער ענין פון ז׳ נחלים? וכפי שיתבאר לקמן.

ו. בנוגע צו דעם ביאור אין פירש"י:

דאס וואס רש"י זאגט "חדש ממש" אלס דעם ערשטן פירוש, איז דאס פארשטאנדיק בפשטות, ווי די גמרא און מפרשי רש"י זאגן (און מ׳דארף גאר ניט אנקומען דערצו, ווארום ס׳איז פארשטאנדיק בפשטות צו א בן חמש למקרא) אז בשעת ס׳שטייט "חדש", מיינט דאס בפשטות - חדש ממש.

- אבער -

<u>הנחת הח׳ בלתי מוגה</u>

און דער ערשטער פי' איז בית ועלי' על גביו, אע"פ אז אין גמרא איז דאס דער צווייטער פי' - ווארום דער פי' איז נעענטער צו פשט"מ, ווייל דער פי' פון מערת המכפלה איז, אז די עצם מערה איז א כפולה, איז אויב מ'וועט זאגן ווי דער פי' (בית לפנים מבית, און מכפלה מיינט) כפולה <u>בזוגות</u>, איז דאך דאס ניט קיין ענין וואס איז פארבונדן מיט עצם המערה, אז די <u>מערה</u> אליין איז כפולה, און דערפאר לערנט רש"י אז דער ערשטער פי' איז בית ועלי' על גביו, וואס דעמאלט איז דער ענין הכפילות - אין עצם המערה, וואס דער פי' איז נעענטער צו פשט"מ.

אעפ"כ איז דער פי' אליין ניט מספיק, ווי גערעדט אמאל אז ס'איז דא א קושיא אויף דעם, אז ביי מערה פאסט ניט זאגן דער גדר פון בית ועלי' <u>על גביו</u>; ביי בית ועלי' כפשוטו, איז דער <u>קיום</u> פון דער עלי' אויף די תקרה פון דעם בית, און דערפאר זאגט מען בית ועלי' <u>על גביו</u>, אבער בשעת ס'רעדט זיך וועגן א מערה וואס זי איז חצובה אין בארג, איז דאך ניט שייך צו זאגן אז דער קיום פון דער עלי' - די מערה העליונה - איז אויף דעם בית - די מערה התחתונה, ווארום די מערה העליונה קען דאך אויך זיין אן די מערה התחתונה, ס'איז צוויי באזונדערע מערות, וואס האבן ניט קיין שייכות איינע מיט די אנדערע, וע"ד בשעת ס'איז דא צוויי מערות אין א הר, איין מערה על ראש ההר, און א צווייטע מערה בתחתית ההר, וועט דאס הייסן בית ועלי' על גביו?! ס'איז צוויי באזונדערע מערות, און דער קיום פון די מערה העליונה איז (ניט אויף די תקרה פון די מערה התחתונה, נאר) אויף קרקע ההר (ראה לקו"ש ח"ה ע' 105), און צוליב די קושיא ברענגט רש"י אויך דעם צווייטן פירוש.

וברש"י מג"א (א, א) מהודו ועד כוש כיון דכתוב <u>ב'</u> הענינים וגם קכ"ז מדינה (ועד"ז במ"א דהביא פרש"י שם) - הרי בפשט"כ מקום רק להפי' השני: כמו שמלך מהודו כו'.

און בפרשתנו קען מען אויך ניט זאגן ביידע פירושים צוזאמען - אדער אז ס'איז געווען חדש ממש, אדער אז נתחדשו גזירותיו, וואס דערפאר ברענגט רש"י אז ס'איז דא צוויי פירושים, און פי' הא' איז חדש ממש, דערפאר וואס ער איז נעענטער צו פשש"מ. ואעפ"כ דארף מען אנקומען אויך צום צווייטן פי' כנ"ל בארוכה. און דאס וואס רש"י ברענגט אראפ דעם בעל המימרא - רב ושמואל, יתבאר לקמן.

בנוגע צו דעם וואס כ'האב גערעדט וועגן י"ט כסלו, איז דער ביאור בזה:

ס'איז מבואר אין חסידות (לקו"ת צו יז, א ועוד) אז דער ענין פון קי"ס איז געווען א הקדמה צו מ"ת, ווארום כדי אז די תורה - וואס זי איז דאך חמדה גנוזה פון דעם אויבערשטן (שבת פח, ב) - זאל קענען נמשך ווערן דא למטה, דארף זיין פריער דער ענין פון קי"ס, וואס דער ענין פון ים איז דאך עלמא דאתכסיא, און קי"ס מיינט דער גילוי פון עלמא דאתכסיא, און בשעת עלמא דאתכסיא ווערט נתגלה, און ס'ווערט דער הפך ים ליבשה, איז דא די נתינה כח אז די תורה זאל נמשך ווערן למטה.

ועד"ז בנוגע צו דעם גילוי פון נסתר דתורה דורך משיח צדקנו, איז אלס הקדמה דערצו האט געדארפט זיין דער ענין פון קריעת הנהר לשבעה נחלים.

לפי"ז פרעגט זיך די שאלה ווי האבן די אבות געקענט לערנען תורה

- איידער -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

איידער ס'איז געווען קי"ס, מ'זאגט דאך קיים אברהם אבינו כל התורה כולה עד שלא ניתנה (יומא כח, ב), ווי רש"י זאגט עה"פ "וישמור משמרתי גו'" (תולדות כו, ה), ועד"ז בנוגע צו יעקב, ווי ס'שטייט ואת יהודה שלח .. להורות לפניו" (ויגש מו, כח), זאגט אויף דעם רש"י "לתקן לו בית תלמוד שמשם תצא הוראה", איז עפ"י הנ"ל אז כדי תורה זאל נמשך ווערן למטה, דארף זיין דער ענין פון קי"ס, איז ווי האבן זיי געלערנט תורה פאר קריעת ים סוף?

עד"ז בנוגע צו נסתר דתורה, געפינט מען דאך אז רשב"י און דער אריז"ל האבן געלערנט נסתר דתורה, און ס'איז געווען דער ביהמ"ד בלוד וכו' וואס דארטן האט מען געלערנט נסתר דתורה, עד"ז איז ביי זיי געווען דער ענין החסידות - חיבור ב' הענינים פון נגלה ונסתר (לקו"ש שמות ש.ז. בשוה"ג להע' 43), איז אע"פ אז דאס זיינען געווען מער ניט ווי יחידי סגולה, אבער די יחידי סגולה זיינען געווען דא למטה און ניט אין ג"ע, איז ווי האבן זיי געקענט לערנען פנימיות התורה איידער ס'איז געווען דער ענין פון קריעת הנהר לז' נחלים?

עד"ז ביי די אבות איז אויך געווען די ענינים פון פנימיות התורה, און זיי האבן דאס גע'פועל'ט ע"י עבודתם; אברהם דורך הכנסה אורחים, יצחק דורך די בארות, און יעקב דורך די מקלות, וואס די עבודה פון אברהם אין הכנסה אורחים, איז דאך געווען דער ענין פון חסד דאצי', ווארום דער ענין פון הכנסת אורחים מיינט דאך ניט <u>נאר</u> השפעה גשמית - תכלית השלימות איז טאקע בשעת דער ענין קומט אראפ אויך בגשמיות, אבער דאס איז זיכער אז מ'מיינט ניט <u>נאר</u> בגשמיות, נאר עבודת אברהם אין הכנסת אורחים, איז געווען דער ענין פון חסד דאצי' - א ספי' דאצי', און אברהם איז דאך איינער פון די ד' רגלי המרכבה, עד"ז יצחק און יעקב, און דאס איז ביי זיי געווען בגילוי למטה,

זעט מען דאך אז ביי זיי איז געווען אויך די ענינים פון פני' התורה (ניט נאר נגלה דתורה), ועפ"י הנ"ל איז ניט פארשטאנדיק, וויבאלד אז דאס איז געווען פאר דעם ענין פון קי"ס לי"ב גזרים, און פאר דעם ענין פון קריעת הנהר לז' נחלים, איז ווי איז ביי זיי געווען נגלה דתורה און פנימיות התורה?

מ'קען ניט זאגן אז דער ביאור איז, וויבאלד אז מ'זאגט אז תורה של עוה"ז הבל הוא לגבי תורתו של משיח (קה"ר פי"א), אז אפי' פנימיות התורה וואס איז דא איצטער, איז דאס מערניט ווי <u>הבל</u> לגבי דעם גילוי פון פנימיות התורה וואס וועט זיין לע"ל, איז וויבאלד אז דאס איז ניט מער ווי הבל, דערפאר קען דאס זיין נאך איידער קריעת הנהר לז' נחלים -

ווארום אע"פ אז מ'זאגט אז תורה של עוה"ז הבל הוא לגבי תורתו של משיח, איז דאך דאס אויבערשטענ'ס חמדה גנוזה, און אפי' אז מ'זאגט אז דאס איז הבל, איז דאך דאס אויך א מציאות, ע"ד די שבעה הבלים וואס שטייט ביי שלמה המלך וואס זיי זיינען כנגד שי"ב (קה"ר בתחילתו), איז דאך דאס א מציאות וואס דורך דעם איז באשאפן געווארן די וועלט, ובפרט אז תורה איז דאך חמדה גנוזה, איז הדרא קושיא לדוכתא - ווי האט געקענט זיין דער ענין פון נגלה דתורה און פני' התורה, פאר קי"ס לי"ב גזרים און קריעת הנהר לז' נחלים?

והביאור בזה: אויך פאר קי"ס לי"ב גזרים און קריעת הנהר לז' נחלים בגשמיות, זיינען געווען די ענינים ברוחניות, און דערפאר האט

- געקענט -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

געקענט זיין לימוד התורה ביי די אבות אויך קודם קי"ס (בגשמיות), ועד"ז דער לימוד פון פני' התורה פאר קריעת הנהר (בגשמיות).

וואס דער ענין איז מוכרח אויך ממקום אחר: וויבאלד אז כל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה (מנחות קי, א), איז דאך פארשטאנדיק אז בשעת מ'לערנט וועגן דעם ענין פון קריעת הנהר לז' נחלים, ווערט אויפגעטאן דער ענין ברוחניות.

און וויבאלד אז ברוחניות איז שוין דא דער ענין פון קריעת הנהר לז' נחלים, רעדפאר קען איצטער זיין לימוד פנימיות התורה, ביז אז אין דעם לימוד פעלט גארניט, ווארום דער ענין איז שוין דא ברוחניות.

ועפ"ד וואס די גמרא (שבת יב, ב) זאגט אז ר"י האט געשריבן בפנקסו כשיבנה ביהמ"ק אביא חטאת שמנה, ד.ה. אז איצטער בשעת דער ביהמ"ק איז ניטא, פעלט ביי אים גארניט אין דעם ענין הכפרה, ווארום וויבאלד אז ער האט געשריבן בפנקסו אז ער וועט ברענגען א חטאת שמנה, האט ער דאך זיכער געלערנט הלכות חטאת, במילא איז דאך כאילו הקריב חטאת, האט ער געהאט דעם ענין ברוחניות, און ס'האט אים גארניט געפעלט, ס'איז מערניט אז כשיבנה ביהמ"ק, וואס דעמאלט וועט דאך זיין תכלית השלימות, וועט ער דארפן ברענגען א חטאת שמינה, אע"פ אז פריער איז געוועזן געווען דער לימוד אין הלכות חטאת, אעפ"כ בשעה ס'קומט א העכערע שלימות - בנין ביהמ"ק - מאנט זיך פון אים מער, דארף ער ברענגען חטאת שמינה.

ועפ"ד המבואר אין דעם ענין התשובה, אז אין תשובה זיינען דא כו"כ דרגות, איז בשעת ער קומט צו א העכערע דרגא, דארף ער תשובה טאן אויף ענינים וואס ביחס צו זיין פריערדיקע דרגא זיינען זיי גארניט געווען קיין חטא, ווארום דאס איז אלץ בנוגע צו זיין פריערדיקן מעמד ומצב, אבער וויבאלד ער איז נתעלה געווארן אין א העכערע דרגא, מאנט זיך פון אים די תשובה אויך אויף די ענינים, וואס דערפאר האט דוד געזאגט "וחטאתי נגדי תמיד", כמבואר אין תניא (פכ"ט).

ועפ"ד המבואר אין חסידות אז דער ענין פון נפ"א איז דוקא לאחר שמו"ע, דערפאר וואס מצד די דרגא נעלית וואס ער איז צוגעקומען אין שמו"ע - כעבדא קמי' מרי', איז אויך די ענינים וואס פריער האבן זיי זיך ניט גערעכנט פאר א חטא - איז מצד זיין דרגא לאחר שמו"ע, זיינען זיי אויך אן ענין של חטא, וואס דערפאר איז דער ענין פון נפ"א לאחר שמו"ע דוקא.

ועפ"ד וואס מ'זאגט שגגה הלמוד עולה זדון (אבות פ"ד מי"ג), איז דאך פארשטאנדיק אז בשעה אן ע"ה ווערט א ת"ח, דארף ער תשובה טאן אויך אויף שגגות, ווארום אע"פ אז פריער האט ער ניט געדארפט תשובה טאן אויף דעם, וויבאלד אבער אז איצטער איז ער א ת"ח, ווערט דאס ביי אים אזוי ווי א זדון, דארף ער תשובה טאן אויף דעם.

ועד"ז איז דאס אויך אין דעם ענין פון לימוד פנימיות התורה, אז דורך דעם וואס מ'לערנט דעם ענין פון קריעת הנהר לז' נחלים, ווערט דער ענין אויפגעטאן ברוחניות, און אין אן אופן אז <u>איצטער</u> פעלט אין ---ב גארניט, נאר לע"ל וואס דעמאלט וועט זיין דער ענין פון קריעת הנהר כפשוטו, וועט דאס זיין באופן נעלה יותר ווי דאס איז איצטער.

אבער בנוגע צו דעם ענין פון י"ס כסלו, האב איך ניט געפונען קיין ביאור אין דעם צי דער גאנצער ענין האט זיך שוין אויפגעטאן,

- און -

<u>הנחה הת' בלתי מוגה</u>

און דאס וועס ניט זיין נאך אמאל, וע"ד ווי מ'זאגט אז נאך אמאל מ"ת וועט ניט זיין, אדער אז דאס וואס ס'האט זיך אויפגעטאן בי"ט כסלו, איז מער ניט ווי באופן של הבל, און דערנאך וועט דאס זיין באופן נעלה יותר (ראה לקו"ש יתרו ש.ז. הע' 56 ובשוה"ג).

עכ"פ בנוגע לפועל איז דאך ניטא קיין נפק"מ, און אויב מ'וועט דערנעך הגידות אויך ווי דאס איז איצטער, און מיט א חיות וכו', וועט דאס פועל'ן דעם ענין פון יפוצו מעיינותיך חוצה, וקאתי מר מלכא משיחא, בקרוב ממש.

דער ביאור פארוואס דארף רש"י ברענגען די נעמען פון די בעלי המימרות - רב ושמואל:

דערמיט קומט רש"י צו פארענטפערן א קושיא וואס איז דא אויף ביידע פירושים: ווי האט מען געקענט גוזר זיין גזירות אויף אידן וויסנדיק אז זיי זיינען די קינדער און די אייניקלאך פון יוסף?

וואס די קושיא איז סיי לויט דעם ערשטן פי' כנ"ל, און אפי' לויט דעם צווייטן פי' אז נתחדשו גזירותיו, און עשה עצמו כאילו לא ידע - איז די שאלה, וועמען נארט ער אפ, אלע האבן דאך געוואוסט אז ס'איז געווען יוסף, און אז ער האט מציל געווען גאנץ מצרים, איז ווי קומט דאס אז מ'זאל גוזר זיין גזירות אויף אידן?

דארף מען דאך זאגן אז די גזירות זיינען געקומען מצד רשעות פרעה.

ווארום דאס וואס פרעה האט געזאגט אל עמו "הנה עם בנ"י רב ועצום ממנו", און דערפאר "הבה נתחכמה לו", ווייל ער האט מורא "כי תקראנה מלחמה ונוסף גם הוא על שונאנו" - איז דער אמת אבער אז פרעה האט ניט געהאט פון וואס צו מורא האבן, ווייל דער סדר ההנהגה איז, אז בשעה מ'טוט איינעם א טובה, וועט ער ניט אומקערן א רעה.

ווי מ'געפינט ביי דעם כר"ב וואס איז געווען צווישן אברהם מיט אבימלך, אז אבימלך האט געזאגט צו אברהם "השבעה לי .. אם תשקר לי ולניני ולנכדי כחסד אשר עשיתי עמך תעשה עמדי" (וירא כא, כג), ד.ה. וויבאלד אז אבימלך האט געטאן א טובה צו אברהם, האט אברהם כורת ברית געווען אז ער וועט ניט טאן קיין רעה "לי ולניני ולנכדי", וואס ע"כ איז רחמי האב על הבן (רש"י עה"פ), און דער כר"ב וואס איז געווען ביי אברהם, איז געווען אויך ביי יצחק, "תהי נא אלה בינותינו .. ונכרתה בריה עמך .. ובאשר עשינו עמך רק טוב" (תולדות כו, כח-כט), זעט מען דאך אז בשעה מ'טוט איינעם א טובה, איז מען זיכער אז מ'וועט ניט אומקערן קיין רעה, און ניט נאר אין דעם דור, נאר אפי' כמה דורות לאח"ז.

איז דאך די זעלבע זאך בנוגע צו אידן אין מצרים; וויבאלד אז אידן ווייסן ווי ס'איז געווען די הנהגה מיט יוסף'ן, וואס פריער איז ער געווען אן עבד אין בית הסוהר, און פון דארטן האט מען אים ארויס גענומען, און מ'האט אים געמאכט פאר א משנה למלך, ביז אז "ובלעדיך לא ירים איש את ידו ואת רגלו" (מקץ מא, מד), און דערנאך זיינען אידן געזעסן אין ארץ גשן, און געהאט טוב ארץ מצרים, איז א זיכערע זאך אז זיי וועלן ניט מחזיר זיין א רעה אנשטאט דעם, ס'איז א זאך וואס איז ניט מתקבל על הדעת, ובמילא איז ניט מסתבר צו זאגן אז אעפ"כ האט פרעה מורא געהאט אז אידן וועלן אים טאן א רעה - ביי אבימלך איז געווען א הבטחה אויף עטלעכע דורות נאך דערויף, און דא איז גלייך א דור שפעטער האט פרעה

- מורא -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

שבתורה, בעיקר נתגלה געווארן בדורות האחרונים[56], און דער תכלית השלימות בזה וועט ערשט זיין לעת"ל בגילוי תורתו של משיח, ע"י עבודת ויגיעת בנ"י במשך זמן הגלות –

איז אָבער ידוע אַז נאָכאַמאָל מ"ת וועט ניט זיין, וואָרום אַלעס איז „געגעבן געוואָרן" במ"ת[57], נאָר די המשכה וגילוי דערפון קומט שפּעטער ע"י עבודה ויגיעה.

און כאָטש אַז בכללות זיינען כל חלקי התורה געגעבן געוואָרן במ"ת בעשה"ד, בפרטיות אָבער איז בחי' סוד שבתורה נשמתא דאורייתא נמשך ונתגלה געוואָרן ע"י „וירד ה' על הר סיני"[58]. ד.ה. אַז המשכת והתגלות בחי' התורה ווי זי איז העכער פון גדרי הבריאה איז פאַרבונדן ניט נאָר מיט'ן דיבור פון עשה"ד, נאָר מיט מעשה הקב"ה כביכול, „וירד ה' על הר סיני". ובפרט אַז אויך כפשוטו – איז דער פירוש פון דעם ירידה וגילוי מעשה מרכבה – סוד שבתורה.

ובסגנון הרמב"ם הנ"ל: במ"ת זיינען געוועזן ביידע ענינים – „חכמה" פון תורה אין אַלע אירע חלקים ביז צו בחי' סוד שבתורה, גילוי בחי' אחדות הבורא[59]; און דאָס איז פאַרבונדן מיט „מעשה" (נוסף לזה וואָס רובם פון עשה"ד זיינען ציוויים אויף מעשה בפועל) – „וירד ה' על ה"ס".

די הקדמה לזה האָט געמוזט זיין „ואל משה אמר עלה אל ה'"[60], נבראים זאָלן אַרויסגיין פון זייערע גדרים, גדר התחתונים, ובלשון חז"ל[61]: „תחתונים יעלו לעליונים".

יו"ד. עפ"י כל הנ"ל וועט מען פאַרשטיין די אויבנדערמאָנטע שאלות (ס"א):

56) כי אף שעיקר גילוי סודות התורה יהי' לע"ל ע"י משיח, ישקני מנשיקות פיהו (שה"ש א, ב ובפרש"י) – הרי כבר נתגלה בימי רשב"י וכו' באופן של „הבל" עכ"פ (ראה קה"ר ספי"א. רפ"ב), ובדוגמת מה שגם לפני מ"ת (אצל האבות כו') הי' לימוד התורה באופן של „ריחות" (שהש"ר פ"א, ג (א)).

ועפ"ז יש לבאר מ"ש בלקוטי לוי"צ (אגרות ע' רכד) שגילוי החסידות שבי"ט כסלו הוא גבוה יותר מגילוי פנימיות התורה כו' שתתגלה ע"י מ"צ (ולכן כהקדמה לזה הי' העלם גדול ביותר), ד„לתורת הנגלה הי' מקודם קרי"ס שנקרע לי"ב קרעים, ולנסתר דתורה שע"י מ"צ יהי' מקודם קריעת הנהר לז' נחלים", וגילוי אור החסידות שלמעלה משניהם הי' הגאולה בי"ט כסלו, שכולל ב' הבחי' די"ב וז' –

דלכאורה: א) איך אפ"ל חיבור ב' הבחי' די"ב וז' (גילוי תורת החסידות בי"ט כסלו), קודם שתהי' הבקיעה לז' עצמה (שזו תהי' רק לע"ל)? ב) הרי נסתר דתורה ישנו גם לפני הבקיעה לז' נחלים (דלעתיד) – אצל רשב"י כו' ומזמן האריז"ל ואילך וכו'?

אלא שגילוי בחי' נסתר שע"י מ"צ נתגלתה כבר באופן של הבל (עכ"פ) בזמן רשב"י וכו', ומזה מובן שברוחניות (עכ"פ) כבר היתה הקריעה לז' נחלים*.

*) ועד"ז הוא בנוגע איחוד נגלה ונסתר שהי' אצל רשב"י (ראה הנסמן לעיל ע' 39 הערה 45 בשוה"ג). אבל עפ"ז שמשווה (בלקולוי"צ שם) הגילוי די"ט כסלו לקריעה לז' נחלים **דלעתיד**, אולי אפ"ל שגילוי תורת החסידות בי"ט כסלו הוא לא רק באופן של „הבל" (כרשב"י כו'), כ"א שכבר „ניתן" ונמשך למטה ע"י אדמו"ר הזקן [אף שגם תורת החסידות שבתורתו של משיח תהי' באופן נעלה מאשר עתה — שה"ז לימוד ע"ד ראי' (עיין ש' האמונה פ"ס)]. ולכן לע"ל יש צורך בההקדמה (דבקיעה **בפועל** — שהיא הקדמה) רק **לנסתר** דתורה (שבתורתו של משיח) — בקיעה לז' נחלים — ולא לתורת החסידות (ענין של „י"ט") — כי תורת החסידות כבר נמשכה ע"י אדה"ז.

57) ד"ה ויאמר משה תש"ט פ"ו.

58) פרשתנו יט, כ.

59) ראה תניא פל"ו. ובכ"מ.

60) משפטים כד, א.

61) תנחומא וארא טו. שמו"ר פי"ב, ג.